**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/29/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**דורכאויס פרייד מאנאט, טוט גאווערנאר האקול ווידער באשטעטיגן איר פארפליכטונג צו שטיצן ניו יארק'ס LGBTQ+ קאמיוניטי**

***גאווערנאר האקול מארשירט צוזאמען מיט ניו יארקער ביי די ניו יארק סיטי פרייד פאראדע אין שטיצע פון די סטעיט'ס בליענדע LGBTQ+ קאמיוניטי***

***ברייטערט אויס די לארענע בארדשעס טרענסדשענדער און נאן-ביינערי וואוילזיין און גלייכבארעכטיגקייט פאנד צו איבער 15 מיליאן דאלאר, מאכנדיג די פאנד פאר די גרעסטע פון דעם סארט אינעם לאנד***

***זאגט צו 1 מיליאן דאלאר פאר די LGBT צענטער פון NYC***

***מעלדט גרענט אווארדס פאר פראוגרעמינג געאייגנט צו העלפן טרענסדשענדער, דשענדער נאן-קאנפארמינג, און נאן-ביינערי מענטשן צו קענען אריינגיין אינעם ארבעטסקראפט***

***מעלדט די עפענונג פון די 2026-2028 מארשא פ. דשאנסאן, סילוויע ריווערע און עדי ווינדסאר LGBTQ+ פעלאושיפ***

***עפענט בקשות פאר ווארקשאפ פארשלאגן פאר די 2025 LGBTQIA+ צאמקום***

***לענדמארקס לענגאויס ניו יארק סטעיט וועלן באלאכטן ווערן צו פייערן פרייד מאנאט***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן א רייע אויסגעברייטערטע איניציאטיוון געאייגנט צו הייבן שטיצע פאר LGBTQ+ ניו יארקער, אריינגערעכנט נאך אינוועסטירונגען אין די טרענסדשענדער, נאן-ביינערי, און דשענדער נאן-קאנפארמינג קאמיוניטיס, און פאר LGBTQ+ צענטערן אין ניו יארק סיטי. אלס טייל פון די היי יעריגע ענעקטעטד בודשעט, איז פינאנצירונג פאר די לארענע בארדשעס טרענסדשענדער און נאן-ביינערי וואוילזיין און גלייכבארעכטיגקייט פאנד ( Lorena Borjas Transgender and Nonbinary Wellness and Equity Fund) געהעכערט געווארן מיט א האלבע מיליאן דאלאר פאר קריטיש וויכטיגע געזונטהייט און יומען סערוויסעס, ברענגענדיג די סך-הכל פונעם פאנד צו איבער 15 מיליאן דאלאר און עס מאכנדיג פאר די גרעסטע פון דעם סארט אינעם לאנד. בויענדיג אויף די שטיצע, האט גאווערנאר Hochul (האקול) געמאכט נאך אינוועסטירונגען פון 1 מיליאן דאלאר אין קאפיטאל פינאנצירונג צו שטיצן די אנגייענדע אויפהאלטונג פון די LGBT צענטער פון NYC, וואס שטעלט צו רעקאווערי און וואויל-זיין פראגראמען, עקאנאמישע פארשריט איניציאטיוון, פאמיליע און יוגנט שטיצע, שתדלנות, קונסט און קאלטורישע פראוגרעמינג, און פלאץ פאר קאמיוניטי ארגעניזירונג, פארבינדונג, און פייערונג.

"ניו יארק איז די געבורטס-ארט פון די LGBTQ+ באוועגונג, און היינט, טוען מיר ווייטער פארויסשטופן דעם לעגאסי," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אין די מאנאט און יעדער מאנאט, וועלן מיר ווייטער מחשב זיין די ביישטייערונגען פון LGBTQ+ ניו יארקער און וועט ארבעטן צו באשיצן, שטיצן, און פייערן די לעבהאפט וואס זיי ברענגען פאר ניו יארק."

צו ווייטער אדרעסירן די געברויכן פון טרענסדשענדער, דשענדער נאן-קאנפארמינג און נאן-ביינערי (transgender, gender non-conforming, and nonbinary, TGNCNB) ניו יארקער, טוט די ניו יארק סטעיט לעיבאר אפטיילונג (New York State Department of Labor, NYSDOL) שענקען 960,000 דאלאר אין ארבעטסקראפט אנטוויקלונג גרענטס צו שטיצן פראגרעמינג געאייגנט צו העלפן TGNCNB מענטשן אריינצוגיין אינעם ארבעטקראפט. TWEF גרענטס טוען שטיצן ארגעניזאציעס וואס זענען פארפליכטעט צו שטיצן געזונטהייט און ארבעט גלייכבארעכטיגונג פאר די TGNCNB קאמיוניטי. די פינאנצירונג טוט דירעקטערהייט אדרעסירן קריטישע פראבלעמען אינעם ארבעטסקראפט, אנדעקט אין NYSDOL'ס 2023 TGNCNB עמפלאוימענט באריכט, וואס האט געפונען אז TGNCNB ניו יארקער ליידען פון נידעריגערער איינקונפט און העכערער ארבעטסלאזיגקייט צוליב אפאר סיבות, די שטערקסטע דערפון, דיסקרימינאציע.

**אסעמבלי מיטגליד Deborah J. Glick (דעבארע דשעי. גליק) האט געזאגט,** "פארמערטע פעדעראלע אטאקעס אויף די LGBTQ קאמיוניטי האבן אונטערגעהאקט אונזער זיכערהייט און סיסטעמאטישערהייט אוועקגענומען קריטישע שטיצע פאר א רייע וויכטיגע סערוויסעס, פון העלט קעיר ביז מענטעל העלט סערוויסעס ביז ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען. LGBTQ אמעריקאנער צאלן שטייערן און טוען בארעכטיגטערהייט ערווארטן אז מען זאל אדרעסירן זייערע געברויכן. צו די גוטע מזל פון LGBTQ ניו יארקער, טוט אונזער גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) נישט נאר גלייבן אין די וויכטיגקייט פון גלייכבארעכטיגקייט, נאר זי טוט אויך ארויסווייזן איר פארפליכטונג דורך צושטעלן פינאנצירונג פאר פילע סערוויסעס אויף וואס מיר זענען אנגעוויזן."

**אסעמבלי מיטגליד Harry B. Bronson (הערי ב. בראנסאן) האט געזאגט,** "אין ניו יארק שטאלצירן מיר מיט'ן אנעמען יעדער איינער, מיט געזעצן וואס זענען נישט געבויעט אויף פיינטשאפט, פחד אדער אויסשליסונג, נאר מיט געזעצן וואס זענען מכבד די זעלבסט-רעספעקט און מענטשליכקייט פון אלע מענטשן אז זיי זאלן קענען לעבן בדרך כבוד אלס זייערע אמת'ער זיך. יעצט אז מיר טרעפן זיך אן מיט אטאקעס אויף די פעדעראלע שטאפל און פון אנדערע סטעיטס אויף א שטאפל וואס איז נאך קיימאל נישט געוועהן, בין איך שטאלץ צו שטיין מיט גאווערנאר Hochul (האקול) צו פייערן פרייד (Pride) דאס יאר, דורך ווידער באשטעטיגן ניו יארק'ס שטאנדהאפטיגע פארפליכטונג צו די רעכטן פון LGBTQIA+ מענטשן - מיין קאמיוניטי - מיט באדייטפולע פאליסי און פינאנצירונג איניציאטיוון וואס טוען באשיצן די רעכטן פון אלע ניו יארקער. נישט קיין חילוק ווער איר זענט, פון וואו איר קומט, וואס דיינע יכולות זענען, וועם איר האט ליב, אדער וויאזוי איר אידענטיפיצירט זיך - האבן מיר אלע זעלבסט-רעספעקט, און עס קומט זיך אונז גלייכבארעכיגונג, יוסטיץ און געלעגנהייט."

**אסעמבלי מיטגליד Jessica González-Rojas (דשעסיקע גאנזאלעז ראוהאז) האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו זעהן ווי ניו יארק פארשטערקערט איר פארפליכטונג צו די LGBTQ+ קאמיוניטי, ספעציעל טרענס, נאן-ביינערי, און דשענדער נאן-קאנפארמינג ניו יארקער וואס טוען זיך ווייטער אנטרעפן מיט סיסטעמאטישע שטערונגען. די אויסברייטערונג פון די לארענע בארדשעס וואוילזיין און גלייכבארעכטיגקייט פאנד - אויף'ן נאמען פון אונזער באליבטע טרענס לאטינע אימיגראנט וועגווייזער פון Queens—איז סיי היסטאריש און אויך גאר פארזענליך פאר מיר. די אינוועסטירונגען טוען ווידער באשטעטיגן אז ניו יארק קען און מוז זיין א באשיצטע ארט פאר קוויר און טרענס מענטשן צו קענען וואוינען, בליען, און פירן. איך אפלאדיר גאווערנאר Hochul (האקול) און אונזער סטעיט לעגיסלאטור פאר

די באדייטפולע שריט אין די צייט פון פרייד מאנאט און טוה שטארק שטופן פאר ווייטערדיגע שריט נאכצוקומען די גאר וויכטיגע געברויכן פון אונזער קאמיוניטיס דורכאויס דעם יאר."

די הייניטיגע מעלדונג לייגט געוויכט אויף די עפענונג פון די Marsha P. Johnson 2026-2028 (מארשא פ. דשאנסאן), Sylvia Rivera (סילוויע ריווערע) און Edie Windsor (עדי ווינדסאר) LGBTQ+ פעלאושיפ. די פעלאָושיפּ איז א נאמען געגעבן געווארן נאך LGBTQ+ פירער וועלכע האבן – מיט זייער קוראזש, דרייסטקייט און אנטשלאסנקייט – פארמערט די באקאנטשאפט מיט LGBTQ+ אנגעלעגנהייטן און געהאט אן אנהאלטנדע השפעה אויף די LGBTQ+ קאמיוניטי: Marsha P. Johnson (מארשא פ. דשאנסאן) און Sylvia Rivera (סילוויע ריווערע) פאר זייערע באוועגונג פירנדע שתדלנות פאר די טובה פון די טרענסדשענדער קאמיוניטי אין ניו יארק, Edie Windsor (עדי ווינדסאר) פאר איר שתדלנות און דורכברעכנדע ארבעט צו סוקסעספולערהייט באקעמפן די פעדעראלע פארטיידיגונג פון הייראט אקט. געשאקענע יעדער צווייטע יאר, טוט די LGBTQ+ פעלאו סערווירן אין די אפיס פון פארשידענארטיגקייט און ארייננעמונג (Office of Diversity and Inclusion) צו דערגרייכן ניו יארק סטעיט'ס פארשידענארטיגקייט און ארייננעמונג צילן, וואס נעמען אריין ווייטער צו בויען די סטעיט'ס פירערשאפט אלס א קעמפער אנטקעגן דיסקרימינאציע און פאר גלייכבארעכטיגטע צוטריט פאר יעדער איינער. אין צוזאמענארבעט מיט אינערליכע און אויסערליכע סטעיק-האלטער, און צו ווייטער רוקן די סטעיט'ס אנגייענדע ציל צו דינען אלס א ביישפיל פון אן ארבעטסגעבער פאר ניו יארקער פון אלע דשענדער אידענטיטעטן און עקסיואלע אריענטירונגען, וועט די פעלאו אויך ארבעטן צו פאראויסרוקן LGBTQ+ ארייננעמונג איבער ניו יארק סטעיט רעגירונג און סערוויסעס דורך צוגרייטן פאליסי פארשלאגן און צושטעלן קאנטענט עקספערטיס, פארוואלטן איבער סטעיט-ברייטע איניציאטיוון און פראיעקטן, צאמשטעלן סטראטעגישע קאמיוניקאציע, און נאכגיין די פארשריט פון וויכטיגע לעגיסלאציע.

די גאווערנאר'ס אפיס פון LGBTQ+ איינגעלעגנהייטן טוט יעצט אויך אננעמען בקשות פאר וואָרקשאפּ פארשלאגן פאר די LGBTQIA+ 2025 צאמקום, וואס וועט פארקומען אויף דינסטאג, סעפטעמבער 9, 2025 אין אלבעני, ניו יארק ביי די עמפייער סטעיט פלאזא קאנקאורס. די פערדע יערליכע פארזאמלונג ברענגט צוזאם פאליסי-מאכער און רעגירונג ארבעטער פון אלע סטעיט אגענטורן צו הערן דירעקט פון שתדלנים איבער די וויכטיגסטע געברויכן פאר אונזער קאמיוניטי און פארגעשלאגענע אדער יעצטיגע באמיאונגען נאכצוקומען די געברויכן און בויען שטיצע.

**ניו יארק סיטי LGBT קאמיוניטי צענטער טשיף עקזעקיוטיוו אפיציר Dr. Carla Smith (דאקטאר קארלא סמיט) האט געזאגט,** "מיר זענען גאר צופרידן צו באקומען די קאפיטאל געלטער, און זענען דאנקבאר פאר גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן פריאריטיזירן די אינוועסטירונג אין אונזער בנין, וואס וועט אונז ערמעגליכן ווייטער צו פארבעסערן דעם צענטער. איבער די לעצטע פערציג יאר, האט די צענטער געארבעט צו פארזיכערן אז אונזער לענדמארק בנין קומט נאך די וואקסנדע געברויכן פון LGBTQ+ ניו יארקער, און דינט אלס א פלאץ פון שטאלץ פאר LGBTQ+ מענטשן איבער די וועלט. אין די יעצטיגע צייט, ווערט אונזער קאמיוניטי אטאקירט דורך שעדליכע רעגירונג שריט און געשפרעך וואס זוכן אויסצומעקן טרענס מענטשן און קווייר יוגנט, פינאנצירונג שניטן פאר קריטישע סערוויסעס, און א וואקסנדע מענטעל העלט קריזיס. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט גאווערנאר Hochul (האקול) און איר אדמיניסטראציע איבער די קומענדיגע חדשים צו פארזיכערן טיפערער אינוועסטירונגען אין סערוויסעס נאכצוקומען די געברויכן פון ניו יארק סטעיט'ס LGBTQ+ קאמיוניטי, אלע 365 טעג אינעם יאר."

**יעצטיגע Marsha P. Johnson (מארשא פ. דשאנסאן), Sylvia Rivera (סילוויע ריווערע) און Edie Windsor (עדי ווינדסאר) פעלאו Daniel Dobies (דעניעל דאוביס) (מיר/אונז/אונזערע) האט געזאגט,** "די פעלאושיפ האט אונז צוגעשטעלט געלעגנהייטן אנצופירן און פאראויסרוקן פאליסיס און פראגראמען, ווי די לארענע בארדשעס וואויל-זיין און גלייכבארעכטיגקייט פאנד און די יערליכע LGBTQIA+ צאמקום, וואס פארבעסערט די לעבנס פון LGBTQ+ ניו יארקער. די דריי קוויר פרויען, די

פאַן-טרעגער אויף וועם די פעלאושיפ איז א נאמען געגעבן געווארן, האבן געפירט מיט קוראזש, פעסטקייט, און פרייד וואס מיר שטרעבן אריינצוברענגען אין סטעיט סערוויס א יעדן טאג. מיר ווערן געשטיצט דורך זייערע העלדישקייט, און זעהן עס אלס א כבוד צו קענען אנגיין מיט זייערע ארבעט צו מאכן ניו יארק סטעיט פאר א פלאץ וואו יעדער איינער, אריינגערעכנט די LGBTQ+ קאמיוניטי, קען בליען."

פריער אין דעם חודש, האט גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) ארויסגעגעבן א [פראקלעמאציע](#) וואס באשטימט יוני 2025 אלס LGBTQ+ פרייד מאנאט צו פייערן די LGBTQ+ קאמיוניטי אין ניו יארק סטעיט. סטעיט לענדמארקס וועלן באלאכטן ווערן היינט נאכט אין די קאלירן פון פינק, ווייס און ליכטיג בלוי און רויט, אראנדש, געל, גרין, בלוי און פורפל אויף יוני דעם 30'סטן, און די פראווגרעס פרייד פאן איז ארויפגעצויגן געווארן אויף סטעיט אפיס געביידעס און סטעיט פארקס לענגאויס ניו יארק.

די פאלגנדע סטעיט לענדמאקס וועלן באלאכטן ווערן מיט פארשידענע קאלירן פונעם פרייד פאן היינט נאך און מארגן יוני דעם 30'סטן:

- One World Trade
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- Empire State Plaza
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא וואסערפאלן
- די "פרענקלין ד. רוזעוועלט" מיד-האדסאן בריק (Franklin D. Roosevelt" Mid-Hudson" Bridge)
- גרענד צענטראל טערמינאל - פערשינג סקווער וויעדאָקט
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- פעירפּארט ליפט ברידזש איבער דעם ערי קאנאל
- מויניהאן באן האל

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](#) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)